IN GEVEB A JOURNAL OF YIDDISH STUDIES

**• טאַגעבוך פֿון אַן עלנטער מיידל אָדער: דער קאַמף קעגן פֿרײַער ליבע**

**Diary of a Lonely Girl or the Battle Against Free Love, Part 2**

by Miriam Karpilove, translation by Jessica Kirzane

*In geveb: A Journal of Yiddish Studies* (January 2016)

For the online version of this translation:

http://ingeveb.org/texts-and-translations/diary-of-a-lonely-girl-or-the-battle-against-free-love-part-2

# טאַגעבוך פֿון אַן עלנטער מיידל אָדער: דער קאַמף קעגן פֿרייַער ליבע

# DIARY OF A LONELY GIRL OR THE BATTLE AGAINST FREE LOVE, PART 2

Miriam Karpilove
Translation by Jessica Kirzane

**Introduction:** Miriam Karpilove (1888-1956) was born near Minsk to middle-class parents, received a traditional Jewish and secular education, and immigrated to the United States in 1905. She spent several years in Palestine in the late 1920's as a result of her involvement in the Labor Zionist movement.

Karpilove published her first piece of creative writing in 1906 when she was just eighteen years old. This was the beginning of a prolific fifty-year writing career in which she published dramas, feuilletons, criticism, sketches, short stories, novellas, and novels, and was one of the most widely published and most popular women writers in Yiddish. Her work appeared in major Yiddish periodicals such as the *Forverts, Tog, Fraye Arbeter shtime, Tsukunft, Haynt, Yidisher kemfer, Yidishes tageblat,* and *Morgn zhurnal*. She served as a staff writer for the *Forverts* from 1929-1937, and was the first woman editor Abraham Cahan hired to produce entertainment fiction. Her work has never been translated into English.

*Diary of a Lonely Girl or the Battle Against Free Love*, one of Karpilove's best known works, was first published serially in the Yiddish daily *Varhayt* in 1916 and 1917, and later appeared in book form. It is the personal account of the emotional struggles of a young woman who is in love with a man who is carrying out affairs with multiple other lovers. The work addresses the challenges, pitfalls, and gender disparities of the modern, sexually liberated culture. In it, Karpilove discusses frankly women's sexuality and desire, and offers a sympathetic portrait of a young woman searching for and unfulfilled by modern possibilities for love.[1]

---

[1] See Kellman, Ellen. "Miriam Karpilove." *Jewish Women: A Comprehensive Historical Encyclopedia*. 1 March 2009. Jewish Women's Archive. (Viewed on September 29, 2015) <http://jwa.org/encyclopedia/article/karpilove-miriam>.; Kellman, Ellen Deborah. *The Newspaper Novel in the "Jewish Daily Forward" (1900-1940): Fiction as Entertainment and Serious Literature.* PhD. Diss. Columbia University, 2000, pp. 237-264.

# Diary of a Lonely Girl or the Battle Against Free Love, Part 2

### Chapter 3: It's Spring Again

It's spring again.

"The holiday of love is here again, the awakening of nature with its soft, smooth, satiny breezes, its newly awakened longings and hopes of joy." So say many who write, describe and praise the spring.

I do not say so. I feel differently. When I see the spring, the thought comes to me, "soon it will be winter again."

Looking at the closed flower buds, I see flowers already withering. When the trees put on their new green clothes I see already how the yellowed, thin leaves fall to the ground in the silent cries of the angry wind.

I see the death of things when they are barely born . . .

*****

For whole evenings, I sit by myself and know that no one will come to see me. I also don't want to go to see anyone. I look for hours at a time out my window, which looks out forlornly on many other windows, like my own, that cut lines through the large tenement houses as they look out with longing and sighing because of the emptiness that fills the poor lives behind them.

In one of the windows I see her, a woman who has not yet begun to live for herself, but who through long years of hard work has helped "him" to graduate. Now "he" looks at her condescendingly. Fear shines from her tired eyes with the thought that soon he will no longer want to look at her at all.

I see her as one already run over by the wheels of the car he drives in his chase after success . . .

How sad she looks! How depressed, how discouraged, waiting for him when he does not come! And when he comes, it seems as though she wants to become someone else for his sake—a younger, prettier, more pleasing woman. He can tell . . . and that only makes her misfortune greater. Love is a game in which you must not show your cards.

The youth of the woman is the springtime of her life. That is the youth of the *wealthy* woman. The lonely, poor girl does not have a spring, for her it is always autumn and winter.

*****

A man always wants to appear stronger than the woman. And if he becomes strong on account of her weakness, then he becomes her enemy.

Nietzsche says, "If you give someone the opportunity to show how great he is and he doesn't use it, he will never forgive you for it."

*****

I look at my hand and kiss the kiss that *he* left on it the last time he was with me, before he left. I . . . love him. He does not know how much I love him and I will not, I cannot, tell him. His not loving me, while not knowing how passionately I love him, will wound my heart. His not loving me if he did know how I love him would wound my pride. Everyone would be able to see my wounded pride, but my ailing heart they cannot see. I can hide my suffering . . . I can keep it well, *well* hidden.

And my suffering is dear to me. I bolster it by imagining his love for other women and feel a painful pleasure in torturing myself, in suffering for him…

*****

He insists that I come to him! He says that it is quiet and nice where he lives. There are no other people, no strangers to disturb our lovemaking. He is not bothered by public opinion, and yet he is looking for a way to hide from it . . . If his love is truly from his heart, his soul, his conscience, why should he be so secretive with it, as though it is a sin?

If he wants to be the conqueror, I refuse to be the conquered. My victory will be that I will refuse to let him win. I must be the ruler of my own will. If I do not wish to make him a slave to his conscience, why bring him to that, so that he should later suffer for me? No. I will not go to him, and I don't care if he never comes to me again!

*****

I just wanted to see the house where he lived. The window to his room.

The room was a half-lit. No one could be seen through the thick curtain. I stood in a dark corner on the side of the street across from it, and my heart pounded: "His window. The light is on . . . If I were to go right now to him I would not be alone anymore. I

would just go in and then come right back out. I would bring with me the touch of his hand, a kiss, a glance, a word . . . ”

But no. I could not decide to do such a thing. What would he, even he himself, think of me?! No, I must not go to him, he can come to me. And if my white room with the thin walls and people close by bother him, it should never happen, anyway.

That is his window. He is probably sitting in a corner in his solitary room, reading. Or laying on his bed and thinking—perhaps thinking of me. What would he do if he knew that I was standing so close to him? He would run and call to me, invite me in . . .

The curtain on his window opened. From behind it a womanly figure appeared. She stuck her head out of the window and looked at the sky. Behind her, he appeared. It was *him*, him! She turned her face toward him and offered her lips for a kiss. His head bent toward hers. They sank down so that they were hidden behind the back of a chair. Two long, naked, snowy-white arms fluttered above the back of the chair.

Then the arms disappeared. The room darkened. Maybe it only seemed darker to me because of the dark cloud that snuck into my soul and pressed down on my heart, making me feel as though I had been banished from the world.

How I fled from there! As though evil spirits were chasing me! But now, now I am calm, calm as a corpse.

A soft wind cools my feverish brow. Someone sings about spring, about happiness, about love . . .

## Chapter 4: *Shabes* Eve

The tick tock of the clock, the pulse of time taps, taps, like the beat of my heart, steadily, monotonously. Suddenly it skips, dies out, and then pounds again . . .

I tried to think about faraway things, to cast my thoughts on the entire world, and they came right back to focus on me, on me alone. Like an empty thing, like an unattended ship, my little world sails on the great sea of life.

And it doesn’t matter how much I want to engage with the woes of the whole world, with the suffering of all of humankind. It’s hopeless. My ego does not want to, cannot, be indifferent to itself. My pessimism, instead of leading me to thoughts of suicide, causes me not even to care whether or not I live.

*****

I feel lonesome, painfully, horribly lonesome on nights like these, more than any other night of the week. And I know exactly what causes it. Tonight is *shabes* night.[2]

Since I was a child, *shabes* night loneliness has been cultivated in me and has grown into a chronic sadness, a kind of religious melancholy.

In my thoughts I return to my childhood, I close my eyes and see myself on a Friday evening among my own family in that old, faraway world. How beautifully we would welcome *shabes*! My strict father would become kindhearted as *shabes* approached. My quiet mother would grow calm and soulful. Everyone in our house looked refreshed, especially my *bobe*. She would dress in her finest clothes and would say something kind to everyone with a childlike smile and pious lips. And *zeyde*, my perpetually worried *zeyde*, whose mind always dwelt on the long *goles*, would sing "*Sholem aleykhem"* to the angels of peace with such a heartfelt and soulful melody!

We never did weekday work on *shabes*. The adults spent the day resting and the young people spent it having fun; young men would get together with my brothers . . . young women with my sisters . . .  to read, sing, play at forfeits[3] and take walks.

*Shabes*—that was the loveliest, best, greatest, most beloved day of the week!

Therefore when *shabes* day turned to evening, a strange burden, a heavy feeling, weighed down my heart. And when it came time to make *havdole*, to separate the holy from the workaday, the light from the darkness, my soul would cry out: it did not want to separate with the other soul, the extra soul that only came for *shabes*!

---

[2] This passage contains several words in the original Yiddish to preserve the sense of distance and reverence for an Old World past. *Shabes* is the Yiddish word for the Jewish Sabbath, celebrated weekly. *Bobe* is a grandmother and *zeyde* a grandfather. "*Sholem aleykhem*" is a song traditionally sung on Friday night after returning from synagogue prayer. It signals the arrival of *shabes* and welcomes in the angels who accompany the singer home to celebrate the day. *Havdole* is the ritual at the end of *shabes* that separates the holy day from the rest of the week and ushers in the new week. "*Got fun avrom*" is a song traditionally sung by women at the end of s*habes.* In her singing of the prayer, the *bobe* in this passage is concerned with those in *yener velt*, or the afterlife. She wants to extend *shabes* as long as possible so that she may prolong its pleasures for those who are deceased. According to some mystical traditions, during *shabes* the sinners who dwell in *gehenem*, the site of afterlife punishment for sinners, receive a respite from their punishment and experience paradise, or *gan eydn.*

[3] A game in which the players are challenged to participate in activities ranging from physical ability or endurance exercises to flirtatious and daring deeds, and those failing in the assigned tasks are forced to pay a token in forfeit. See Max Weiss: Das Buch der Pfänderspiele. Gesammelt und herausgegeben von Max Weiss (Sammlung Spielbücher 15. Band). Otto Maier Verlag, Ravensburg 1914.

In that same place, where on Friday night so many happy lights burned, on *shabes* night the *havdole* candle sorrowfully sputtered until it was suddenly extinguished by red wine poured over the cleared table.

My mother's bright face displayed a quiet sadness. She helped my father prepare for his journey into the forest, where he was one Jew among many non-Jewish peasants. She followed after him and called after him to watch where he was going. Then she watched the wagon until she could no longer see it.

A feeling of workaday loneliness filled every corner of our darkened home. We could hear my *bobe* singing "*Got fun avrom*." She purposefully delayed and elongated her *hamavdil* in order to keep the sinners in *gan eydn* a little while longer, so they wouldn't have to return so soon to *gehenem* . . . My good *bobe*, she was always so good to everyone, even to the wicked ones in *yener velt*!

She had a very high opinion of the afterlife, the true life. This world, she would say, was only created to test people and see how many good deeds they can perform. And woe to anyone who arrives *there* with empty hands, having accomplished nothing! A man who makes nothing of his life is not worth his death. He doesn't deserve to be taken in by the ground. The earth itself should spit him out.

Almost every *shabes* night she would launch into a speech about death. *Zeyde* would say to her, "Again already? We've just blessed the new week . . ." He did not imagine he would find much of an improvement in the afterlife. You have to go there, he would say, because you must. You cannot escape death. But it is better to be a living dog than a dead lion. If she, my *bobe*, wanted to spend her life getting ready to die, that was fine, she could do what she liked . . . But he would excuse himself from that pleasure; in life, you should see what you can do for your life, not for your death. For whether you want to or not, there is no other choice than to die. As soon as you are born, you are already destined to die. That from which you came, you are destined to return. So you dance as much as you must at this foolish wedding, you live your life to its end. Old people must make room for the new, that's how it goes . . .

That is usually how they talked on *shabes* night, but never on Friday night or on *shabes* itself. They were careful not to disturb the sacred holy day with sad words. On *shabes* they would thank God for the pleasure and pride they took in their children and their grandchildren and yearned to live to see their great grandchildren and hoped to experience great great grandchildren. *Shabes* brought them rest and peace, it brought more desires and hope to their old-young souls.

My *zeyde* is no more, my *bobe* is no more. My parents are somewhere far away, old and weak, and my sisters and brothers are scattered far and wide. The Friday joy no longer exists, all that remains is the loneliness and sadness of *shabes* night . . .

**Chapter 5: Fighting with Myself**

The silent walls of my pale room look at me, reproaching me for not admitting within them even a ray of happiness.

My damp eyes look resentfully back at me through the mirror, reproaching me for not allowing them to see the bright world.

Is it my fault that I cannot make myself happy? Do I hate myself for not allowing myself to love?

Why do I allow my thoughts to go against the feelings that are like sisters to my desires? Why, oh why? Perhaps I hate myself, I am my own enemy . . .

I hate myself and I cannot escape myself, I will be stuck with myself until the day I die . .

*****

I tell myself to stop thinking about myself, try to lose myself among thoughts of the millions of other people in the wide world and simply *stop existing*, be nothing, I am not here. But then whose arms are these, reaching out for *him*? Whose lips are calling *his* name?

*****

I am seized by a sudden fear. I am afraid of going crazy. I want to gather my tired thoughts toward one purpose—not to think at all. I will suppress my feelings, I want to feel indifferently toward myself and toward everything that is around me. I want to call him back and say to him: you love me, I hate myself. I don't care what the end will be; whether I, like thousands of others, will be lost, whether I will find myself insulted, lost, rejected until some later date. I no longer want to be what I am; to be lonely and alone. To lie so bound up in deep sadness for my dead life.

To call him back after he has already come here and gone away, perhaps having already decided never to come back again! Why, when he was here before sitting next to me, did I act as though I hadn't seen him . . . He looked at my half closed eyes, said that I was

very pale, that I seemed tired, sick, asked what was wrong with me and I answered—*nothing*.

If a silence, such as I was silent, communicates nothing, then the passion is a complete waste. . . . Whoever does not understand the language of silence—the language of eyes, hands, and voices—is not in love.

He does not love me. But if he does not love me, why did he come? Just out of curiosity, to see whether *I* love *him*? Did he want to compare me with other women?

I looked at his neck and saw the two arms that had wrapped around it while I, like someone who had been banished from the world, stood in a dark corner in front of his window. At the thought, a gnawing pain pierced my heart like the point of a spear. I freed my fingers from his and suppressed the pain so that a sigh wouldn't give it away.

Why is he to blame if he loves me the same way he loves others? He wants to live the way he wants. He wants to exchange the grand feeling of one great love for many. If I were to ask him why he made love to another woman in his room, he would answer that it was because *I* had not come to him. I gave away my place to the other woman; I withdrew myself from him of my own accord . . .

How much I could have said to such an answer! But I was silent, silent like all the other times that I have had so much to say. I was silent and only withdrew further while he tried to draw closer to me. He finally went away bearing his wounded pride.

Men have a different sort of pride than women do. Women are proud of their virtue, and men are proud of their sins.

While women long to love, men want to *live*. But loving and living are two different things, even though they often go together. Love is the decoration for life, while living, in the simple sense of the word, is the death of love . . .

*****

I seek to release my feelings from the control of thought. My rational mind tells me to rid myself of this crazy desire for fanatical love if I do not want to betray myself, if I do not want to lose not only my self-love, but also my self-respect.

It seems to me that there is no struggle more difficult for women than the struggle between love and self-respect.

Will I win this fight?

Fighting oneself is the greatest fight, vanquishing oneself is the most beautiful victory.

# טאַגעבוך פֿון אַן עלנטער מיידל אָדער: דער קאַמף קעגן פֿרײַער ליבע

### 3: ווײַטער פֿרילינג

ווײַטער פֿרילינג.
„ווידער איז ער דאָ, דער יום־טובֿ פֿון ליבע, די דערוואַכונג פֿון דער נאַטור, מיט אירע ווייך גלעטנדע סאַמעטענע ווינטעלעך, נײַ־דערוואַכטע פֿאַרלאַנגען און האָפֿענונגען אויף גליק." — אַזוי זאָגן פֿילע וועלכע שרײַבן, באַשרײַבן און באַזינגען דעם פֿרילינג.

איך... זאָג עס ניט. איך פֿיל אַנדערש. ווען איך דערזע דעם פֿרילינג, טראַכט זיך מיר: באַלד ווײַטער ווינטער...

קוקנדיק אויף דער נאָך אײַנגעשלאָסענער קנאָספּע, זע איך שוין די פֿאַרוועלקטע בלום. ווען די ביימער טוען זיך אָן אין זייערע נײַ־גרינע קליידער, זע איך שוין, ווי די פֿאַרגעלטע, צעדאַרטע בלעטלעך פֿאַלן צום באָדן אין שטילן שרײַען פֿון בייזן ווינט...

איך זע דעם טויט פֿון זאַכן, ווען זיי ווערן ערשט געבאָרן...

---

גאַנצע אָוונטן זיץ איך אָפּ אַליין מיט זיך און ווייס, קיינער וועט צו מיר ניט קומען. מיר ווילט זיך אויך צו קיינעם ניט גיין. איך קוק שטונדן לאַנג אַרויס פֿון מײַן פֿענצטער, וואָס קוקט טרויעריק אַרויס צו אַ סך אַנדערע פֿענצטער, ווי מײַנע, וואָס שנײַדן זיך אין גאַנצע שורות אין די גרויסע טענעמענט־הײַזער, ווי זיי קוקן אַרויס מיט בענקעניש און אומעט איבער דער פּוסטקייט וואָס פֿילט אויס דאָס אָרעם לעבן הינטער זיי...

אין איינעם פֿון די פֿענצטער זע איך זי, די יעניקע, וועלכע האָט נאָך אַליין ניט אָנגעפֿאַנגען צו לעבן נאָר דורך לאַנגע יאָרן שווערער אַרבעט געהאָלפֿן „אים" צו „ענדיקן"... „ער" קוקט איצט אויף איר פֿון אויבן אַראָפּ. פֿון אירע מידע אויגן קוקט שרעק אַרויס איבער דעם געדאַנק, אַז באַלד וועט ער אויף איר ניט וועלן קוקן...

איך זע זי שוין אַן איבערגעפֿאָרענע אונטער די רעדער פֿונעם רײַטוואָגן אויף וועלכן „ער" טראָגט זיך אין געיעג נאָך דערפֿאָלג...

ווי אומגליקלעך זי קוקט אויס צו זײַן! ווי דערשלאָגן, ווי אַנטמוטיקט ווען זי וואַרט פֿאַר אים און ער קומט ניט! און ווען ער קומט, זעט אויס, ווי זי וואָלט זיך פֿאַר אים וועלן פֿאַרוואַנדלען אין אַן אַנדערער... אַ

ייִנגערער, אַ שענערער, אַ מער צופֿרידנשטעלנדער. ער זעט עס... און דאָס פֿאַרגרעסערט דעם אומגליק; ליבע איז אַ שפּיל אין וועלכער מען טאָר ניט ווײַזן די קאָרטן...

די יוגנט פֿון דער פֿרוי איז דער פֿרילינג פֿון איר לעבן. דאָס איז די יוגנט פֿון דער **רײַכער** פֿרוי. די אָרעמע, עלנטע ווייס ניט פֿון פֿרילינג, פֿאַר איר איז אייביק האַרבסט און ווינטער...

---

אַ מאַן וויל שטענדיק אויסזען צו זײַן דער שטאַרקערער פֿון דער פֿרוי. און ווערט ער שטאַרק אויפֿן רעכענונג פֿון איר... שוואַכקייט, ווערט ער איר דערפֿאַר אַ שׂונא...

ניטשע זאָגט: „ווען דו האָסט איין מאָל איינעם געגעבן די געלעגנהייט צו ווײַזן זײַן גרויסקייט, און ער האָט זיך דערמיט צו דער צײַט ניט באַנוצט, וועט ער דאָס דיר קיין מאָל ניט מוחל זײַן...“

---

איך קוק אויף מײַן האַנט און קוש דעם קוש, וואָס **ער** האָט אויף איר, צום לעצטן מאָל, פֿאַר אַוועקגיין, איבערגעלאָזן. איך האָב אים... ליב. ער ווייסט ניט, ווי שטאַרק איך ליב אים, און איך וועל דאָס אים... איך קען דאָס אים ניט זאָגן. זײַן ניט ליבן מיך, ניט ווייסנדיק, ווי הייס איך ליב אים וועט פֿאַרוווּנדן מײַן האַרץ. זײַן ניט ליבן, ווייסנדיק ווי איך ליב — באַליידיקן מײַן שטאָלץ. מײַן באַליידיקטן שטאָלץ וועלן אַלע קענען זען, מײַן צעווייטאָגטע האַרץ — ניט. איך קען מײַנע לײַדן באַהאַלטן... גוט, **גוט** באַהאַלטן...

און זיי זײַנען מיר טײַער מײַנע לײַדן. איך פֿאַרשטאַרק זיי נאָך מיט פֿאַרשידענע פֿאָרשטעלונגען וועגן זײַן ליבע צו אַנדערע און פֿיל אַ פֿײַנלעכן פֿאַרגעניגן אין מאַטערן זיך, אין לײַדן פֿאַר אים...

---

ער האָט מיך אַזוי געבעטן צו אים קומען! בײַ אים, זאָגט ער, איז שטיל און גוט. ניטאָ קיין זײַטיקע, פֿרעמדע מענטשן, וועלכע זאָלן שטערן צו ליבע. אים אַרט ניט די עפֿנטלעכע מיינונג, און דאָך זוכט ער זיך פֿון איר צו באַהאַלטן... אויב די ליבע זײַנע איז באַרעכטיקט פֿון זײַן האַרץ, זײַן נשמה, זײַן געוויסן, פֿאַר וואָס זאָל ער זיך וועלן אַזוי מיט איר באַהאַלטן, ווי מיט אַ פֿאַרברעכן?

אויב ער וויל זײַן דער זיגער, וויל איך ניט זײַן די באַזיגטע, זאָל מײַן זיג באַשטיין אין דעם, וואָס איך וועל זיך ניט לאָזן באַזיגן. איך מוז זײַן די הערשערין פֿון מײַן ווילן, אויב איך וועל אים ניט מאַכן פֿאַר אַ שקלאַף צו זײַן געוויסן, צו וואָס ברענגען אים דערצו ער זאָל דערנאָך דאַרפֿן פֿאַר מיר **לײַדן?!**
ניין. איך וועל צו אים ניט גיין, מעג ער מער צו מיר קיין מאָל ניט קומען!

---

איך האָב בלויז געוואָלט זען די הויז, אין וועלכער ער וווינט. די פֿענצטער פֿון זײַן צימער.

זי איז געווען האַלב באַלויכטן. — קיינער האָט זיך דורכן געדיכטן פֿאָרהאַנג ניט געזען. — איך בין געשטאַנען אין אַ פֿינצטער ווינקל אויף דער זײַט גאַס קעגן איבער, און מײַן האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט: זײַן פֿענצטער. ס׳איז ליכטיק... ווען איך גיי איצט אַרײַן צו אים, בין איך ניט מער אַליין. נאָר אַרײַנגיין און גלײַך אַוועק. אַוועקטראָגן מיט זיך די באַרירונג פֿון זײַן האַנט, אַ קוש, אַ בליק, אַ וואָרט...

אָבער ניין. איך האָב זיך אויף דעם ניט געקענט באַשליסן. וואָס וועט ער, אַפֿילו ער אַליין דענקען וועגן מיר?! ניין, איך טאָר צו אים ניט גיין, ער קען דאָך צו מיר קומען. און דאָס, אין וואָס מײַן ווײַסער צימער מיט די דינע ווענט און נאָענטע צו אים מענטשן שטערן אים, דאַרף סײַ ווי ניט געשען...

דאָס איז זײַן פֿענצטער. ער זיצט געוויס אין אַ ווינקל פֿון זײַן אָפּגעזונדערטן צימער און לעזט. אָדער ליגט אויף זײַן בעטל און טראַכט, טראַכט קען זײַן וועגן מיר. וואָס וואָלט ער טאָן, ווען ער ווייס, דאָס איך שטיי דאָ אַזוי נאָענט... ער וואָלט לויפֿן צו מיר און רופֿן, בעטן צו זיך...

די פֿאָרהאַנג אויף זײַן פֿענצטער האָט זיך צעגומען. אַ פֿרויען־פֿיגור האָט זיך הינטער איר באַוויזן. זי האָט אַרויסגערוקט איר קאָפּ אין דרויסן, געקוקט צום הימל... נאָך איר איז ער צוגעקומען. ער, **ער!**... זי האָט אויסגעדרייט צו אים איר געזיכט, אירע ליפּן פֿאַר אַ קוש... זײַן קאָפּ האָט זיך איבער איר אָנגעבויגן. זיי זײַנען ביידע מיט אַ מאָל נידעריק געוואָרן, אַ ווענטל פֿון אַ שטול האָט זיי פֿאַרשטעלט. און איבער דער ווענטל האָבן זיך צוויי ווײַט אַנטבלויזטע שניי ווײַסע אָרעמס געפֿלאָכטן...

דערנאָך זײַנען די אָרעמס פֿאַרשוווּנדן. אין צימער איז געוואָרן פֿינצטער... און אפֿשר איז דאָס מיר פֿינצטער געוואָרן פֿאַר די אויגן פֿון דער שוואַרצער כמאַרע, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט מײַן נשמה, צונויפֿגעדריקט מײַן האַרץ און געמאַכט פֿילן, ווי אַרויסגעשטויסן פֿון דער וועלט...

ווי בין איך צו זיך געלאָפֿן! ווי געיאָגט פֿון בייזע גײַסטער. אָבער איצט... איצט בין איך רויִק... איך האָב מיר געהייסן זײַן רויק און בין איצט רויִק, רויִק ווי אַ טויטע...

אַ ווייכער ווינטל קילט מײַן הייסן שטערן, עמעצער זינגט פֿון פֿרילינג... פֿון גליק, פֿון ליבע...

### 4: שבת־נאַכט

דער טיק־טאַק פֿון דעם זייגער, דער פּולס פֿון דער צײַט קלאַפּט, קלאַפּט ווי מײַן האַרץ; רעגלמעסיק, איינטאָניק. פּלוצלינג שפּרינגט עס אונטער... פֿאַרשטאַרבט... און קלאַפּט ווײַטער. —

איך האָב פּראָבירט צו שיקן מײַנע געדאַנקען ווײַט, איבער דער גאַנצער וועלט, און זיי זײַנען באַלד צוריקגעקומען צו קאָנצענטרירן זיך אין מיר, אַרום מיר אַליין. ווי אַ פּוסטע זאַך, ווי אַ ליידיק שיפֿל שווימט אַרויס מײַן קליינע וועלטל איבערן גרויסן ים פֿון לעבן.

און וויפֿל איך וויל מיך פֿאַרנעמען מיט די צרות פֿון דער גאַנצער וועלט, מיט די לײַדן פֿון דער מענטשהייט, העלפֿט ניט. אומזיסט. מײַן „איך“ וויל ניט, קען ניט זײַן גלײַכגילטיק צו זיך, און מײַן פּעסימיזם, אַנשטאָט ברענגען מיך צום דענקען וועגן זעלבסטמאָרד, דערגייט אַזוי ווײַט אַז — מיך אַרט ניט וואָס איך לעב...

---

עס איז מיר אומעטיק, אַזוי פּײַנלעך, שרעקלעך, אומעטיק. הײַנטיקן אָוונט מער ווי אין וועלכן ניט איז אַנדער אָוונט פֿון דער וואָך. און איך ווייס שוין גוט פֿאַר וואָס דאָס איז, — הײַנט איז שבת־נאַכט...
דער שבת־נאַכטיקער אומעט האָט זיך אין מיר געהאָדעוועט צײַט פֿון די קינדער־יאָרן אָן און איז אויסגעוואַקסן אין אַ כראָנישן טרויער, אין אַ מין רעליגיעזער מעלאַנכאָליע.

איך קער מיך אין געדאַנקען אום צוריק צו מײַנע קינדער־יאָרן, מאַך צו די אויגן און זע זיך אין אַ פֿרײַטאָג־צו־נאַכט צווישן מײַנע אייגענע אין יענער, אַלטער וועלט. ווי שיין מען פֿלעגט בײַ אונדז באַגעגענען דעם שבת! גוטמוטיק פֿלעגט מיטן שבת ווערן דער שטרענגער טאַטע. ווייך און האַרציק — די שטילע מאַמע. אַלע הויזיקע האָבן אויסגעקוקט ווי באַנײַטע און מער פֿון אַלעמען — די באָבע. זי פֿלעגט זיך אויספּוצן אין אירע בעסטע קליידער און מיט אַ קינדערש שמייכל, מיט פֿרומע ליפּן צוטיילן יעדערן אַ גוט וואָרט. און דער זיידע, דער תּמיד באַזאָרגטער, איבערן לאַנגן גלות אַרײַנגעטראַכטער זיידע, מיט וואָס פֿאַר אַ האַרציק־נשמהדיקן ניגון, ער פֿלעגט זינגען דעם שלום־עליכם צו די מלאַכי־השלום!

קיין מאָל האָט מען שבת בײַ אונדז געטאָן וועלכע ניט איז וואָכעדיקע אַרבעט. די עלטערע האָבן פֿאַרבראַכט דעם טאָג אין רו, און די יונגע אין **פֿאַרברענגען**; עס פֿלעגן זיך צוזאַמענקומען יונגע־לײַט צו די ברידער... מיידלעך צו די שוועסטער... פֿלעגן צוזאַמען לעזן, זינגען, שפּילן אין „פֿאַנדן“ און גיין שפּאַצירן.

שבת — דאָס איז געווען דער שענסטער, בעסטער, גרעסטער, ליבסטער טאָג פֿון וואָך!

דערפֿאַר ווען דער שבתדיקער טאָג פֿלעגט זיך נעמען נייגן צום אָוונט, פֿלעגט אַ מאָדנע משׂא, אַ שווערער געפֿיל, אָנהייבן דריקן דאָס האַרץ און פּרעסן. און ווען קומען פֿלעגט די צײַט פֿון מאַכן הבֿדלה, אָפּשיידן די הייליקייט פֿון וואָך, די ליכט פֿון פֿינצטערניש, פֿלעגט וויינען, וויינען די נשמה: איר האָט זיך אַזוי ניט געוואָלט צעשיידן מיט דער אַנדערער נשמה, די נשמה־יתירה, וואָס פֿלעגט קומען נאָר אויף שבת!...

אויף דעם אָרט וווּ עס האָבן פֿרײַטאָג־צו־נאַכט אַ סך ליכט אין לײַכטער געברענט, האָט זיך שבת־נאַכט טרויעריק געשמאָלצן די לאַנגע הבֿדלה וואָס פֿלעגט באַלד, נאָכן הבֿדלה מאַכן, אויסגעלאָשן ווערן אינעם צעגאָסענעם אויפֿן אָפּגעדעקטן טיש רויטן ווײַן.

דער מאַמעס ליכטיק פּנים פֿלעגט זיך באַציִען מיט אַ שטילן טרויער. זי האָט געהאָלפֿן דעם טאַטן זיך קלײַבן אין וועג אַרײַן, צו פֿאָרן אין וואַלד, וווּ ער איז געווען איין ייִד צווישן אַ סך פּויערים. זי איז אים אַלץ נאָכגעגאַנגען און פֿאַרזאָגט ער זאָל זען ווי ער פֿאָרט. דערנאָך נאָכגעקוקט די פֿור ביז זי האָט זיך שוין מער ניט געזען.

אַן אומעטיקייט, אַ וואָכעדיקייט האָט אויסגעפּילט יעדער ווינקעלע אין פֿאַרטונקלטן הויז. עס האָט זיך געלאָזט הערן דער באָבעס „גאָט פֿון אַבֿרהם“. זי האָט בכּיוון אָפּגעצויגן און צעצויגן דעם זאָגן איר המבֿדיל כּדי נאָך אַ ווײַלע פֿאַרהאַלטן די זינדיקע אין גן־עדן, זיי זאָלן אַזוי גיך ניט דאַרפֿן גיין צוריק אין גיהנום...

די גוטע באָבע, זי איז אַלע מאָל און צו אַלעמען געווען אַזוי גוט, אַפּילו צו די רשעים אויף יענער וועלט! זי האָט שטאַרק געהאַלטן פֿון יענער וועלט, די **אמתע** וועלט. **די וועלט**, פֿלעגט זי זאָגן, איז נאָר געמאַכט געוואָרן כּדי אויסצופּרוּוון דעם מענטשן, זען וויפֿל מעשׂים־טובֿים ער קען אויפֿטאָן. און אַז ווי איז צום יעניקן ווער עס קומט **אַהין** אין ליידיקן, קומט מיט גאָרנישט! אַ מענטש וואָס האָט גאָרנישט אויפֿגעטאָן פֿאַרן לעבן, איז ניט ווערט דעם טויט... ניט ווערט די ערד זאָל אים נעמען. אַזעלכע דאַרף די ערד אויסשפּײַען.

כּמעט אַלע מאָל שבת־נאַכט פֿלעגט זי זיך צערעדן וועגן טויט. דער זיידע פֿלעגט איר באַמערקן: „שוין, אויף אַ פֿולער וואָך“... ער האָט זיך ניט פֿאָרגעשטעלט קיין גליקן אויף יענער וועלט. מ׳מוז גיין אַהין, פֿלעגט ער זאָגן, ווײַל מען מוז. מען קען זיך פֿון טויט ניט אַרויסדרייען. ס׳איז דאָך אָבער בעסער צו זײַן אַ לעבעדיקער הונט ווי אַ טויטער לייב. אויב זי, די באָבע, האַלט זיך בײַם לעבן אין איין גרייטן צום טויט איז דאָך ניט שייך, אַז איר געפֿעלט עס אַזוי, איז ער מסכּים... ער וואָלט אָבער מוחל זײַן דעם פֿאַרגעניגן, אַז לעבן — דאַרף מען זען וואָס מ׳קען טאָן פֿאַרן לעבן, ניט פֿאַרן טויט. נאָר וויל יע, וויל ניט גיין אַהין, קיין אַנדער ברירה איז דאָך ניטאָ. בעת מען ווערט געבאָרן איז מען דאָך באַשטימט אויף צו שטאַרבן. פֿון וואָס מ׳ווערט גענומען צו דאָס מוז מען גיין. אָט, מ׳טאַנצט ווי עס איז אָפּ די נאַרישע חתונה, מ׳לעבט אָפּ דאָס לעבן. אַלטע מוזן לאָזן דעם פּלאַץ פֿאַר נײַע, אַזוי גייט עס...

אַזוי פֿלעגן זיי דאָס רובֿ רעדן שבת־נאַכט, אָבער קיין מאָל ניט פֿרײַטאָג־צו־נאַכט, אָדער שבת. זיי האָבן זיך געהיט ניט צו פֿאַרשטערן דעם הייליקן יום־טובֿ מיט טרויעריקע רייד. שבת האָבן זיי געדאַנקט גאָט פֿאַרן נחת וואָס זיי האָבן פֿון די קינדער, פֿון די קינדסקינדער, די אייניקלעך און האָבן געגאַרט צו דערלעבן זען די אוראייניקלעך און געהאָפֿט צו דערלעבן אוראוראייניקלעך. דער שבת האָט אַרײַנגעבראַכט רו און פֿרידן, מער פֿאַרלאַנגען און בעסערע האָפֿענונגען אין זייערע אַלט־יונגע נשמות.

ניטאָ מער דער זיידע, ניטאָ מער די באָבע. אַלט און שוואַך זײַנען ערגעץ טאַטע־מאַמע, צעזייט און צעשפּרייט די שוועסטער און ברידער; ניטאָ מער די פֿרײַטאָגדיקע פֿרייד, איבערגעבליבן איז נאָר דער שבת־נאַכטיקער אומעט...

**5: אין קאַמף מיט זיך...**

מיט פֿאָרוווּרף קוקן אויף מיר די שטומע ווענט פֿון מײַן בלאַסן צימער פֿאַר ניט אַרײַנלאָזן צווישן זיי אַ שטראַל פֿון גליק.

פֿינצטער קוקן אויף מיר פֿײַכטע אויגן פֿון קאַלטן שפּיגל פֿאַר ניט לאָזן זיי זען די ליכטיקע וועלט.

בין איך שולדיק וואָס איך קען זיך ניט גליקלעך מאַכן? האָב איך מיך פֿײַנט וואָס איך לאָז זיך ניט ליבן?

פֿאַר וואָס לאָז איך די געדאַנקען גיין קעגן די געפֿילן וואָס זײַנען ווי שוועסטער צו מײַנע פֿאַרלאַנגען? פֿאַר וואָס, פֿאַר וואָס?

עס קען זײַן איך האָב זיך פֿײַנט, בין זיך אַליין אַ שׂונא...

**זיך** פֿײַנט און קען דאָך פֿון זיך ניט אַוועקגיין, וועל שוין מוזן זײַן אַזוי מיט זיך ביז דער טויט וועט קומען...

---

איך הייס מיר אַוועק פֿון זיך אין געדאַנקען, זיך פֿאַרלירן צווישן מיליאָנען אַנדערע אין דער גרויסער וועלט, **ניט זײַן**: ניטאָ, איך בין ניטאָ, אָבער, ווּעמעס הענט שטרעקן זיך אויס נאָך... **אים**? ווּעמעס ליפּן רופֿן אויס **זײַן** נאָמען?...

---

אַ שרעק נעמט מיך אַרום. איך האָב מורא פֿאַר משוגע ווערן. איך וויל צונויפֿנעמען מײַנע מידע געדאַנקען אין איין געדאַנק איבער — — — ניט דענקען... איך וועל אונטערדריקן מײַנע געפֿילן, איך וויל זײַן גלײַכגילטיק צו זיך, צו אַלץ וואָס אַרום מיר, אים צוריקרופֿן און זאָגן: דו האָסט מיך ליב, איך האָב זיך פֿײַנט. מיך אַרט ניט וואָס דער סוף וועט זײַן; מעג איך ווי טויזנטער אַנדערע פֿאַרלאָרן גיין, מעג איך זיך געפֿינען באַליידיקט, פֿאַרלאָרן, פֿאַרשטויסן אויף שפּעטער. איך וויל מער ניט זײַן וואָס איך בין; זײַן איינזאַם און עלנט. ליגן אַזוי אײַנגעוויקלט אין טיפֿן טרויער נאָך מײַן טויטן לעבן...

רופֿן אים צוריק נאָך דעם ווי ער איז דאָ געווען און איז אַוועק, קען זײַן, מיט דעם באַשלוס מער קיין מאָל ניט צו קומען! פֿאַר וואָס האָב איך פֿריִער, מיט אַ ווײַלע צוריק, ווען ער איז דאָ נעבן מיר געזעסן, אים ווי ניט געזען... ער האָט געקוקט אויף מײַנע האַלב צוגעמאַכטע אויגן, געזאָגט איך בין זייער בלאַס, קוק אויס צו זײַן מיד, קראַנק, געפֿרעגט וואָס מיר איז און איך האָב געענטפֿערט — **גאָרנישט**.

אויב אַזאַ שווײַגן ווי דער, וואָס איך האָב געשוויגן, קען גאָרנישט זאָגן, איז אומזיסט דאָס לײַדן... ווער עס פֿאַרשטייט ניט די שפּראַך פֿון שווײַגן, פֿון די אויגן, פֿון דער האַנט, פֿון דער שטימע — דער ליבט ניט. ער ליבט מיך ניט. אָבער, אַז ער ליבט ניט, איז צו וואָס קומט ער? איז דאָס נײַגעריקייט וואָס ברענגט אים צו מיר צו **זען** אויב **איך** ליב אים? איז דאָס אַ פֿאַרלאַנג צו פֿאַרגלײַכן מיך מיט אַנדערע?

איך האָב געקוקט אויף זײַן האַלדז און געזען די צוויי אָרעמס וואָס האָבן זיך אַרום אים געפֿלאָכטן ווען איך, ווי אַן אַרויסגעשטויסענע פֿון דער וועלט, בין אין טונקעלן ווינקל פֿאַרן פֿענצטער פֿון זײַן צימער געשטאַנען. אַ נאָגנדער ווייטיק האָט זיך ווי אַ שאַרף פֿון אַ שפּיז אין מײַן האַרצן אַרײַנגעשטאָכן בײַ דער דערינערונג.

איך האָב מײַנע פֿינגער פֿון זײַן האַנט באַפֿרײַט, דעם ווייטיק פֿאַרדריקט ער זאָל זיך דורך אַ קרעכץ ניט אַרויסגעבן.

און וואָס איז ער שולדיק אַז ער ליבט מיך אַזוי — — ווי אַנדערע! ער וויל לעבן ווי ער וויל. ער וויל צעבײַטן דעם גרויסן געפֿיל פֿון איין גרויסער ליבע אויף אַ סך. ווען איך פֿרעג אים פֿאַר וואָס האָט ער אין זײַן צימער **געליבט** אַן אַנדערע, וואָלט ער מיר קענען ענטפֿערן — דערפֿאַר וואָס **איך** בין ניט געקומען. איך האָב יענע מײַן פּלאַץ אָפּגעטראָטן, זיך אַליין פֿון אים צוריקגעצויגן...

וויפֿל איך וואָלט אים געקענט אויף אַזאַ ענטפֿער ענטפֿערן! אָבער, איך האָב געשוויגן, געשוויגן ווי אַלע מאָל ווען איך האָב אַ סך, אַ סך צו זאָגן. געשוויגן און זיך ווײַטער דערווײַטערט ווען ער האָט זיך געוואָלט צו מיר דערנענטערן, און ער איז אַוועק, אַוועק מיט זײַן באַליידיקטן שטאָלץ.

בײַ מענער איז דאָ גאָר אַן אַנדער סאָרט שטאָלץ ווי בײַ פֿרויען, פֿרויען זײַנען שטאָלץ אויף זייער טוגנד, מענער — אויף זייער זינד...

ווען פֿרויען ווילן ליבן, ווילן מענער **לעבן**. אָבער ליבע און לעבן זײַנען גאָר צוויי באַזונדערע זאַכן כאָטש זיי גייען אָפּט בײַנאַנד. ליבע איז די דעקאָראַציע פֿון לעבן, ווען לעבן, אין פּראָסטן זינען פֿון וואָרט, איז דער טויט פֿון דער ליבע...

---

איך זוך צו באַפֿרײַען מײַנע געפֿילן פֿון אונטער דעם קאָנטראָלירנדן געדאַנק. דער קלאָרער פֿאַרשטאַנד הייסט מיר אויפֿגעבן דעם משוגענעם געפֿיל פֿאַר פֿאַנאַטישער ליבע אויב איך וויל ניט גיין קעגן זיך, אויב איך וויל ניט אויסער מײַן ליבע צו זיך אויך זעלבסטאַכטונג פֿאַרלירן.

עס איז, דאַכט מיר, ניטאָ קיין שווערער קאַמף פֿאַר אַ פֿרוי ווי צווישן ליבע און זעלבסטאַכטונג.
וועל איך דעם קאַמף געווינען?

זיך זעלבסט צו באַקעמפֿן איז דער גרעסטער קאַמף, זיך אַליין באַזיגן, דער שענסטער זיג.